בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

פאר'ן שבת טיש

פרשת שופטים

ב׳ אלול שנת תש"פ לפ"ק

שנה 1, גליון 12

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב



שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן אִינְדֶערְפְרִי הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גְעוֶוען סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה ג׳, דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חִגֵּר.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי:

הָאט זִיךְ דִי זוּן אָן גִירוּפְן אַדָאס זָארְגְסְטוּ. אִיךְ וֶועל דִיר זָאגִין אַ רְפוּאָה. כַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין אַ וֶועג. אוּן פוּן דֶעם וֶועג צוּ טֵיילִין זִיךְ כַּמָה וֶועגִין. אֵין וֶועג אִיז פוּן צַדִיקִים. אֲפִילוּ דֶער צַדִיק וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פּוּל פוּן דֶעם וֶועג אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט. אוּן אִיטְלִיכְן טְרֶעט וָואס עֶר טוּט. גֵייט עֶר אַלְץ אוֹיף דֶעם פּוּל. אוּן סֶע פַאר הַאנְדְן אַ וֶועג פוּן אַפִּיקוֹרְסִים אֲפִילוּ דֶער אַפִּיקוֹרֶס וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פּוּל אִין אִיטְלִיכְן טְרֶעט כַּנַ"ל. אוּן סֶע פַאר הַאנְדֶען אַ וֶועג פוּן מְשׁוּגָעִים. אֲפִילוּ אַ מְשׁוּגֶע וָואס עֶר אִיז דָא. שִׁיט מֶען אִים אוּנְטֶער דֶעם פּוּל כַּנַ"ל. אוּן אַזוֹי אִיז פַאר הַאנְדְן כַּמָה וֶועגִין. אוּן סֶע פַאר הַאנְדִין אַ וֶועג. כַּאֲשֶׁר סֶע פַאר הַאנְדִין צַדִיקִים וָואס זֵיי זֶענִין מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ יִסוּרִים פִּירִין זֵיי דִי פְּרִיצִים אִין קֵייטִין. הָאבֶּען זֵיי קֵיין כֹּחַ נִיט אִין דִי פִּיס. שִׁיט מֶען זֵיי אוּנְטֶער פוּן דֶעם פּוּל פוּן דֶעם וֶועג. הָאבֶּען זֵיי כֹּחַ אִין דִי פִּיס. בְּכֵן זָאלְסְטוּ אַהִין גֵיין וָוארְן דָארְט אִיז דָא אַסַאךְ פּוּל וֶועסְטוּ הָאבִּין אַיין רְפוּאָה. אוֹיף דִי פִּיס (דָאס הָאט אַלְץ דִי זוּן גִירֶעט צוּ דֶער לְבָנָה) אוּן עֶר הֶערְט דָאס אַלְץ (הַיְינוּ דֶער וָואס הָאט קֵיין כֹּחַ נִיט גִיהַאט אִין דִי פִּיס הָאט דָאס אַלְץ גִיהֶערְט).

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: מוֹהֲרָא"ש זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) דֶער שְׁטוּיבּ גֵייט אַרוֹיף אוֹיף שְׁמִירַת הַבְּרִית, אָבָ"ק אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "אוֹת בְּרִית קוֹדֶשׁ"; אַ מֶענְטְשׁ וָואס הִיט זִיךְ זַיינֶע אוֹיגְן, קֶען עֶר שְׁטֵיין אוֹיף דִי פִּיס, עֶר הָאט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן; אָבֶער וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ הִיט זִיךְ נִישְׁט דִי אוֹיגְן אוּן פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין פְּגַם הַבְּרִית - הוֹצָאַת זֶרַע לְבַטָּלָה רַחֲמָנָא לִצְלַן, וֶוערְט אִים בִּיטֶער דָאס לֶעבְן; עֶר וֶוערְט זֵייעֶר

<<<

## אַ וָוארְט פַאר'ן שַׁבָּת טִישׁ

צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף (דברים טז, כ)

דֶער ז ו הַ ר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תְּרוּמָה קכח:): "אַ מֶענְטְשׁ וָואס בְּרֶענְגְט צוּרִיק זִינְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זוֹכֶה אַרוֹיף צוּ גֵיין צוּ אַ פְּלַאץ וָואס קַיין שׁוּם מֶענְטְשׁ אִיז נִישְׁט זוֹכֶה; עֶר נֶעמְט אַוֶועק טוּמְאָה פוּן דֶער וֶועלְט, עֶר מַאכְט אַז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס נָאמֶען זָאל וֶוערְן גֶעהֵיילִיגְט אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן עֶר אִיז גוֹרֵם אַז אַלֶע וֶועלְטְן שְׁטֵייעֶן אוֹיף זַיין זְכוּת. דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע גוּטֶע זַאכְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט; קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט שְׁלֶעכְטְ'ס טוּן - נִישְׁט אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן נִישְׁט אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט. עֶר גֵייט אַרַיין אִין דְרַייצְן טוֹיעֶרְן פוּן שַׁעֲרֵי רַחֲמִים אוּן קֵיינֶער קֶען אִים נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן".

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער חִידָ"א זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (סֵפֶר פְּנֵי דָוִד) דֶעם פָּסוּק (דְּבָרִים טז, כ): "צֶדֶק צֶדֶק תִּרְדֹּף, לְמַעַן תִּחְיֶה וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ"; זָאגְט עֶר "צֶדֶק" - עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען אִיז אַלֵיינְס אַ צַדִיק, נָאר "צֶדֶק תִּרְדֹּף" - מַאךְ נָאךְ צַדִיקִים, "לְמַעַן תִּחְיֶה" - וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ חַיִּים נִצְחִיִּים, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אַרָאפְּפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת, וַוייל (אָבוֹת ה, יח): "כָּל הַמְזַכֶּה אֶת הָרַבִּים - אֵין חֵטְא בָּא עַל יָדוֹ"; "וְיָרַשְׁתָּ אֶת הָאָרֶץ" - דוּ וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ הָאבְּן עוֹלָם הַבָּא, "אֲשֶׁר ה׳ אֱלֹקֶיךָ נֹתֵן לָךְ" - וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט דִיר שׁוֹין יֶעצְט 'אוֹיף דִי וֶועלְט', דוּרְךְ דֶעם וָואס מֶען בְּרֶענְגְט צוּרִיק מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ הָאבְּן אַ גוּט לֶעבְּן, עַיֵּין שָׁם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שׁוֹפְטִים תשע"ח)

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן מְזַכֶּה זַיין אִידִישֶׁע קִינְדֶער זֵיי זָאלְן אוֹיךְ וִויסְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט (לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, הֲלָכָה ה׳, אוֹת לו): אוֹיפְן פָּסוּק (תְּהִלִּים קיט, קמב): "צִדְקָתְךָ צֶדֶק לְעוֹלָם, וְתוֹרָתְךָ אֱמֶת", וֶועלְכֶע צְדָקָה בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג? וֶוען מֶען גֶעבְּט צְדָקָה צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִימוּדִים פוּנֶעם צַדִיק וָואס אִיז מְגַלֶּה תּוֹרַת אֱמֶת, עֶר וַוייזְט פַאר אַלֶעמֶען אַז מֶען קֶען נָאךְ צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דָאס בְּלַייבְּט אוֹיף אֵייבִּיג.

דֶערִיבֶּער אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערֶע צְדָקָה וִוי צוּ גֶעבְּן גֶעלְט פַאר דִי סְפָרִים; בִּפְרַט אִין אוּנְזֶער דוֹר וָואס מִיר דַארְפְן זֵייעֶר וִויכְטִיג הָאבְּן דִי סְפָרִים, נָאכְדֶעם וָואס מִיר גֶעפוּנֶען זִיךְ אִין אַ וֶועלְט וָואס אִיז אָנְגֶעפוּלְט מִיט כְּפִירוֹת אוּן אַפִּיקוֹרְסוּת, אוּן מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג אָנְקוּמֶען צוּ עֲבֵירוֹת. עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט יֶעדֶע רֶגַע אַזוֹיפִיל עֶקְלְדִיגֶע אוּן אוֹיסְגֶעלַאסֶענֶע מַאגַאזִינֶען וְכוּ׳ וָואס דוּרְךְ דֶעם וֶוערְן אַוֶועק גֶערִיסְן אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן נָאר דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאבְּן אַ כֹּחַ אוּן בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אַזוֹיפִיל אִידְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אֲפִילוּ פוּן דִי וַוייטְסְטֶע פְּלֶעצֶער.

וואויל אִיז פַאר דֶעם וָואס גֶעבְּט זַיין צְדָקָה צוּ קֶענֶען דְרוּקְן דִי סְפָרִים, בִּפְרַט אַז עֶר הֶעלְפְט דְרוּקְן דִי קוּנְטְרֵסִים וָואס מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן - וָואס עֶס אִיז אַרוֹיס גֶענוּמֶען דִי תַּמְצִית פוּן רֶבִּינְ'ס סְפָרִים, כְּדֵי עֶס זָאל זַיין גְרִינְג צוּ פַארְשְׁטֵיין פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען שׁוֹין וַוייט פַארְקְרָאכְן - אִיז נִישְׁט דָא קַיין גְרֶעסֶערְ'ס פוּן דֶעם.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בֹּא תשע"ט)

דֶעפְּרֶעסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, עֶר שְׁפִּירְט מֶער נִישְׁט קַיין טַעַם אִין לֶעבְּן.

דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אִיךְ וֵוייס אַז דָאס מַאכְט מִיר בִּיטֶער מַיין לֶעבְּן, הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט קוּקְן קַיין שְׁלֶעכְטְס".

דֶער וַוייל הָאט עֶר אַ קוּק גִיטָאן אוֹיף דֶעם דוּמִיט אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַייט. הָאט עֶר גִיזֶעהְן דָארְט אִיז גִישְׁטַאנֶען אָן גִישְׁרִיבְּן אַז וֶוער עֶס וֶועט אָן נֶעמֶען בַּיי דֶער זַייט. וֶועט עֶס אִים טְרָאגְן צוּ דֶעם וֶועג וָואס עֶס גֵייעֶן פוּן אִים אַרוֹיס כַּמָה וֶועגְן (דְהַיְינוּ דֶער וֶועג וָואס אוֹיבְּן אִיז גִישְׁטַאנֶען וָואס דִי זוּן הָאט מוֹדִיעַ גִיוֶוען דֶער לְבָנָה) הָאט עֶר אָן גִינוּמֶען בַּיי דֶער זַייט. הָאט עֶס אִים אַהִין אַוֶועק גִיטְרָאגְן (דְהַיְינוּ צוּ דֶעם וֶועג) הָאט עֶר אַרַיין גִיטָאן דִי פִּיס אִין דֶעם וֶועג. וָואס דֶער פּוּל אִיז אַ רְפוּאָה צוּ דִי פִּיס אִיז עֶר תֵּיכֶף גִיהֵיילְט גִיוָוארִין. אִיז עֶר גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוּל פוּן אַלֶע וֶועגִין אוּן הָאט אִיטְלִיכְן פּוּל בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן אִין אַ בִּינְטְל. (דְהַיְינוּ) דֶעם פּוּל פוּן דֶעם וֶועג פוּן צַדִיקִים הָאט עֶר בַּאזוּנְדֶער אַיין גֶעבּוּנְדְן. אוּן אַזוֹי דֶעם פּוּל פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע וֶועגִין הָאט עֶר אִיטְלִיכְן בַּאזוּנְדֶער פַאר בּוּנְדְן. אוּן הָאט זִיךְ גִימַאכְט בִּינְטְלִיךְ פוּן דִי פּוּלִין. אִין הָאט זֵיי מִיט זִיךְ מִיט גִינוּמֶען.

אוּן עֶר הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען אוּן אִיז גִיגַאנְגֶען צוּ דֶעם וַואלְד וָואס מֶען הָאט אִים דָארְט גִירַאבֶּעוֶועט. וִוי עֶר אִיז אַהִין גִיקוּמֶען. הָאט עֶר זִיךְ אוֹיס גִיקְלִיבְּן אֵיין הוֹיכְן בּוֹים. וָואס עֶר אִיז נָאנְט צוּ דֶעם וֶועג וָואס פוּן דָארְט גֵייעֶן אַרוֹיס דִי גַזְלָנִים רַאבִּיוֶוען. אוּן הָאט גִינוּמֶען דֶעם פּוּל פוּן צַדִיקִים אוּן דֶעם פּוּל פוּן מְשׁוּגָעִים. אוּן הָאט זֵיי אִין אֵיינֶעם אוֹיס גִימִישְׁט. אוּן הָאט זֵיי פַאר שְׁפְּרֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג. אוּן עֶר אִיז אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם בּוֹים אוּן הָאט זִיךְ דָארְט גִיזֶעצְט. עֶר זָאל זֶעהְן וָואס מִיט זֵיי וֶועט זִיךְ טָאהְן. הָאט עֶר גִיזֶעהְן וִוי דִי גַזְלָנִים זֶענֶען אַרוֹיס גִיגַאנְגֶען. וָואס דֶער עֶלְצְטֶער גַזְלָן (הַנַ"ל) הָאט זֵיי אַרוֹיס גִישִׁיקְט רַבִּיוֶוען. וִוי דִי גַזְלָנִים זֶענִין גִיקוּמֶען אוֹיף דֶעם וֶועג תֵּיכֶף וִוי זֵיי הָאבְּן אַ טְרֶעט גִיטָאן אוֹיף דֶעם פּוּל. זֶענִין זֵיי גִיוָוארִין צַדִיקִים אוּן הָאבִּין אָן גִיהוֹיבִּין צוּ שְׁרַייעֶן אוֹיף זֵייעֶרֶע יָאר אוּן טֶעג. וָואס זֵיי הָאבִּין בִּיז אַהֶער גִירַאבִּיוֶועט אוּן הָאבְּן גִיהַרְגֶעט כַּמָה נְפָשׁוֹת. נָאר עֶס אִיז דָאךְ אָבֶּער דָארְט גִיוֶוען גִימִישְׁט מִיט דֶעם פּוּל פוּן מְשׁוּגָעִים זֶענֶען זֵיי גִיוָוארִין מְשׁוּגֶענֶע צַדִיקִים. אוּן הָאבְּן זִיךְ אָן גִיהוֹיבּוּן צוּ קְרִיגְן אֵיינֶער מִיט דֶעם אַנְדֶערִין. דֶער הָאט גִיזָאגְט. אִיבֶּער דִיר. הָאבִּין מִיר גִיהַרְגֶעט. אוּן דֶער הָאט גִיזָאגְט אִיבֶּער דִיר. הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַזוֹי צוּ קְרִיגְט. בִּיז זֵיי הָאבִּין זִיךְ אֵיינְס דָאס אַנְדֶערֶע גִיהַרְגֶעט.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַסְבִּיר גֶעוֶוען: דֶער פּוּל דָאס אִיז דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן; וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים אָדֶער עֶר הֶערְט דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי'ן, קֶען עֶר צוּקוּמֶען אוֹיף דִי וֶועלְט צוּ דִי הֶעכְסְטֶע מַדְרֵיגוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שנח): "מִיט יֶעדֶע שְׁמוּעֶס וָואס אִיךְ שְׁמוּעֶס מִיט עֶנְק, קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן אֲפִילוּ אַ צַדִיק גָמוּר אַ גַאנְץ לֶעבְּן; אַן עֶרְלִיכֶער אִיד אַזוֹי וִוי אִיךְ מֵיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", אוּן וַוייטֶער שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה (שָׁם): "וְגַם אֲפִילוּ עַכְשָׁו כְּשֶׁלוֹמְדִין דְּבָרָיו הַקְּדוֹשִׁים יֵשׁ לָהֶם גַּם כֵּן כֹּחַ גָּדוֹל לְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ לִזְכּוֹת לְדַרְכֵי ה' בֶּאֱמֶת לְמִי שֶׁיָּשִׂים לִבּוֹ הֵיטֵב לִדְבָרָיו וּלְשִׂיחוֹתָיו הַקְּדוֹשִׁים הַנֶּאֱמָרִים בְּזֶה הַסֵּפֶר וּבִשְׁאָר סְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים", אוֹיךְ הַיינְטִיגֶע צַייטְן וֶוער עֶס לֶערְנְט דֶעם רֶבִּי'נְס סְפָרִים, וֶוערְט זַיין הָארְץ אוֹיפְגֶעפְלַאקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אָבֶּער עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֵייעֶר גַאנְצֶער הִתְקַרְבוּת צוּם רֶבִּי'ן אִיז נָאר אַז זֵיי זָאלְן קֶענֶען אַוֶועק מַאכְן אַנְדֶערֶע, "זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט פוּנֶעם אֱמֶת", "זֵיי לֶעבְּן אִין שֶׁקֶר" וְכוּ', אַ גַאנְצְן טָאג זֶענֶען זֵיי נָאר פַארְנוּמֶען צוּ אַוֶועקְמַאכְן אַנְדֶערֶע וואו וַוייט זֵיי זֶענֶען פוּנֶעם אֱמֶת, אָבֶּער זֵיי נֶעמֶען נִישְׁט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר זֵייעֶר פְּרִיוַואטְן לֶעבְּן - זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: דָאס הֵייסְט מְשׁוּגֶענֶע צַדִיקִים, עֶר וֶוערְט אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אָבֶּער אִיז נָאר פַארְנוּמֶען צוּ שְׁפֶּעטְן אוּן חוֹזֶק מַאכְן פוּן אַנְדֶערֶע; מֶען דַארְף וִויסְן "אִיךְ קוּם צוּם רֶבִּי'ן דֶער רֶבִּי זָאל מִיר שְׁטַארְקְן אוּן אוֹיפְהֵייבְּן, אִיךְ קוּם נִישְׁט צוּם רֶבִּי'ן זִיךְ צוּ קֶענֶען גְרוֹיסְן אַז אִיךְ בִּין בַּיים אֱמֶת אוּן יֶענֶער אִיז בַּיים שֶׁקֶר".

וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קעא): אוֹיפְן פָּסוּק (דָנִיאֵל יב, ב): "וְרַבִּים מִיְּשֵׁנֵי אַדְמַת עָפָר יָקִיצוּ, אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם"; יֶעדֶעס מָאל עֶס וֶוערְט בַּאוִויסְט אַ נֵייעֶ שֵׂכֶל - אַ נֵייעֶ דֶרֶךְ אִין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, זֶענֶען דָא צְוֵויי סָארְט מֶענְטְשְׁן, אֵיינֶער אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' מִיט יֶעדְן דִיבּוּר, מִיט יֶעדֶע טְרָאפּ שֵׂכֶל, בַּיי אַזַא מֶענְטְשׁ אִיז - "אֵלֶּה לְחַיֵּי עוֹלָם", עֶר שְׁפִּירְט בַּיי זִיךְ וִוי בִּיז יֶעצְט אִיז עֶר גֶעוֶוען וִוי אַ טוֹיטֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעלֶעבְּט, עֶר אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ טִיפֶע שְׁלָאף, אָבֶּער יֶעצְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶועקְט אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן לֶעבְּן. וִוידֶערְאוּם זֶענֶען דָא וָואס נוּצְן נִישְׁט דִי שֵׂכֶל אוּן דִי לִימוּדִים פַאר זֵייעֶר לֶעבְּן, נָאר אוֹיף חוֹזֶק צוּ מַאכְן פוּן יֶענֶעם; זֵיי זוּכְן וִוי מֶען קֶען נָאךְ אֵיינֶעם אַוֶועק מַאכְן - "וְאֵלֶּה לַחֲרָפוֹת וּלְדִרְאוֹן עוֹלָם", וִוי זֵיי קֶענֶען יֶענֶעם וֵויי טוּן אוּן יֶענֶעם אַוֶועק מַאכְן.

מוֹהֲרָא"שׁ פְּלֶעגְט זָאגְן: "זֵיי נִישְׁט פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְס רוּחָנִיּוּת, זֵיי פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְ'ס גַשְׁמִיּוּת, יֶענֶעמְס רוּחָנִיּוּת אִיז דַיין גַשְׁמִיּוּת".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט בַּאמֶערְקְט: דָאס מֵיינְט נִישְׁט צוּ זָאגְן אַז מֶען זָאל נִישְׁט טוּן אִין הֲפָצָה, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט קְלָאר יָא גֶעוָואלְט מִיר זָאלְן גֵיין הֲפָצָה, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן,

סִימָן תקמג): "דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט אוּנְז מְבַזֶּה זַיין פַארְוָואס מִיר זֶענֶען נִישְׁט עוֹסֵק אִין 'הֲפָצָה'; וּפַעַם אַחַת בְּלֵיל מוֹצָאֵי שַׁבָּת עָמַדְנוּ לְפָנָיו עִם כַּמָּה אֲנָשִׁים מֵהַחֲשׁוּבִים שֶׁלּוֹ, וְהוֹכִיחַ אוֹתָנוּ מְאֹד כַּמָּה שָׁעוֹת עַל עִנְיָן זֶה", אֵיינְמָאל מוֹצָאֵי שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אוּנְז גֶעגֶעבְּן מוּסָר אַפָּאר שָׁעָה הֲיִתָּכֵן מִיר זֶענֶען נִישְׁט גֶענוּג עוֹסֵק אִין הֲפָצָה, "וּפַעַם אַחַת קָרָא אוֹתָנוּ 'עֵצִים יְבֵשִׁים'", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעשְׁרִיגְן אוֹיף אוּנְז: 'אִיר זֶענְט טְרִיקֶענֶע בֵּיימֶער', "עַל שֶׁאֵין אָנוּ מוֹלִידִים נְפָשׁוֹת שֶׁיִּתְקָרְבוּ לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ עַל יָדֵינוּ", וַוייל אִיר בְּרֶענְגְט נִישְׁט נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן". וִוי קֶען מֶען זִיצְן רוּאִיג אוּן עֶס זָאל נִישְׁט אָנְגֵיין וֶוען מֶען זֶעט אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס דָאס לֶעבְּן אִיז זֵיי פִינְסְטֶער וַוייל זֵיי וֵוייסְן נִישְׁט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן?!

'הֲפָצָה' - מֵיינְט נִישְׁט אַז מֶען אִיז פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְס רוּחָנִיּוּת; נָאר אַז דוּ זֶעסְט וִוי אַ מֶענְטְשׁ פִירְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיף רִיכְטִיג, אוּן דוּ זָאגְסְט אִים מוּסָר אוּן דוּ קוּקְסְט אִים אַרָאפּ - דָאס הֵייסְט דוּ בִּיסְט פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְס רוּחָנִיּוּת. אַז דוּ ווִילְסְט הֶעלְפְן דֶעם מֶענְטְשׁ גֶעבּ אִים אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס, אַ סִידִי אָדֶער אַ קַארְטְל מִיט דִי נוּמֶער פוּן 'קוֹל בְּרֶסְלֶב', וואוּ עֶר וֶועט קֶענֶען טְרֶעפְן חִיזּוּק, עֶר וֶועט זֶען עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט פַארְפַאלְן, עֶר קֶען זִיךְ נָאךְ צוּרִיק קֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אָבֶּער אַ מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַרוּם זָאגְן מוּסָר פַאר מֶענְטְשְׁן, עֶר טְרֶעפְט אַלְץ פֶעלֶערְן בַּיי אַ צְוֵוייטְן - קֶען זַיין אַז עֶר אִיז אַ צַדִּיק, אָבֶּער עֶר אִיז אַ מְשׁוּגֶענֶער צַדִּיק.

אַנְשְׁטָאט זַיין פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְס רוּחָנִיּוּת זַיי פַארְנוּמֶען מִיט יֶענֶעמְס גַשְׁמִיּוּת, קוּק צִי עֶר הָאט וָואס צוּ עֶסְן אוֹיף שַׁבָּת; בָּרוּךְ הַשֵּׁם מִיר הָאבְּן דָא אִין שְׁטֶעטְל אַ 'בֵּית הַתַּבְשִׁיל' וואוּ אַ גֶעטְרֵייעֶר אִינְגֶערְמַאן גֶעבְּט זִיךְ אַוֶועק מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ צוּ טֵיילְן עֶסְן פַאר אַלֶע מִשְׁפָּחוֹת פוּן שְׁטֶעטְל, צוּמָאל דַארְף עֶר הָאבְּן הִילְף פוּן אַנְדֶערֶע, הֶעלְפְט אִים אַרוֹיס, הֶעלְפְט אַרוֹיס מִיט'ן בְּרֶענְגֶען דִי עֶסְן וְכַדוֹמֶה, נָאךְ אַ אִיד זָאל הָאבְּן חַלּוֹת אוֹיף שַׁבָּת.

דָאס ווִיל אִיךְ בַּאווַייזְן, אוֹיפְצוּשְׁטֶעלְן אַ שְׁטֶעטְל וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער אָן אוֹיסְנַאם - מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן זָאלְן טוּן חֶסֶד אֵיינֶער מִיט'ן צְוֵוייטְן. מֶען זֶעט אַ פְרוֹי אִיז אָנְגֶעשְׁטְרֶענְגְט מִיט אִיר אַרְבֶּעט זָאל מֶען אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן - זֶה בְּכֹּה וְזֶה בְּכֹה, פְרוֹיעֶן זָאלְן זִיךְ צַאמֶנֶעמֶען צוּ הֶעלְפְן קִימְפֶּעטָארִינְ'ס מִיט'ן קָאכְן נַאכְטְמָאל וְכַדוֹ'; מֶען זָאל נֶעמֶען קִינְדֶער אֵיינֶער פוּן צְוֵוייטְן וֶוען מֶען דַארְף וְכַדוֹמֶה.

מֶען קֶען זֵייעֶר גְרִינְג קָאכְן פַאר אַנְדֶערֶע, מֶען קֶען נֶעמֶען פוּנֶעם 'בֵּית הַתַּבְשִׁיל' רוֹיעֶ עֶסְנְוַוארְג אוּן דָאס אָפְּקָאכְן, אַזוֹי קֶען מֶען גְרִינְגֶערְהֵייט מְחַיֶּה זַיין אוּן אוֹיפְרֶעכְטְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער.

מִיר זֶענֶען גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן נָאר כְּדֵי דֶער רֶבִּי זָאל אוּנְז לֶערְנֶען אַ וֶועג וִוי אַזוֹי צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גֶענוּג גֶערֶעדְט פוּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל, וִוי דֶער שֻׁלְחָן עָרוּךְ פַּסְקְ'נְט (אוֹרַח חַיִּים, סִימָן רפ"ה, סְעִיף ג): "מִיּוֹם רִאשׁוֹן וָאֵילָךְ חָשׁוּב עִם הַצִּבּוּר", פוּן זוּנְטָאג קֶען מֶען שׁוֹין אָנְהֵייבְּן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין. אוּן דֶער מִשְׁנָה בְּרוּרָה בְּרֶענְגְט אַרָאפּ (שָׁם) פוּנֶעם הֵיילִיגְן גְרָ"א זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה, אַז עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי גֶעפִירְט, יֶעדְן טָאג הָאט עֶר מַעֲבִיר סֶדְרָה גֶעוֶוען אַבִּיסְל - אָבֶּער קוּמֶענְדִיג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ שַׁבָּת אִינְדֶערְפְרִי זֶע אִיךְ אִינְגֶעלַייט הֵייבְּן אָן צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין פוּן אָנְהֵייבּ פַּרְשָׁה, זֶע אִיךְ אַז אִיךְ דַארְף נָאךְ אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם, אֶפְשָׁר אַזוֹי וֶועל אִיךְ עֶס פּוֹעֵלְ'ן בַּיי עֶנְק; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אוּנְז פָארְגֶעהַאלְטְן: "וֶוען דוּ הָאסְט גֶעווָאוֹינְט אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג, הָאסְטוּ גֶעהַאט צַייט צוּ מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין, אוּן יֶעצְט וֶוען דוּ הָאסְט זִיךְ אַרוֹיסְגֶעצוֹיגְן אִין שְׁטֶעטְל הָאסְטוּ מֶער נִישְׁט קַיין צַייט, וַוייל דוּ הָאסְט זִיךְ גֶעקוֹיפְט אַ שֵׁיינֶעם הוֹיז?!; עֶס אִיז כְּדַאי אִיר זָאלְט אַרַיינְקוּקְן אִין "קִרְיַת מֶלֶךְ רָב" - דִי הִיסְטָארְיֶע וִוי אַזוֹי מֶען הָאט גֶעבּוֹיעֶט "קִרְיַת יוֹאֵל", שְׁטֵייט דָארְט אַז וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רֶבִּי זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעקוּמֶען בַּאזוּכְן דֶעם נַייעֶם שְׁטֶעטְל קִרְיַת יוֹאֵל אוּן גֶעזֶען דִי גָאר טֵייעֶרֶע הַייזֶער וָואס גֶעווִיסֶע הָאבְּן זִיךְ גֶעבּוֹיעֶט וְכוּ', הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "נִישְׁט דָאס הָאבּ אִיךְ גֶעמֵיינְט מִיט'ן בּוֹיעֶן א שְׁטֶעטְל"; הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזָאגְט: "מֶען דַארְף חוֹזֵק מַאכְן אִינְדֶערְהֵיים מִיט דִי קִינְדֶער פוּן טֵייעֶרֶע הַייזֶער".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: אִיךְ בֶּעט עֶנְק הֵייבְּט אָן מַעֲבִיר סֶדְרָה זַיין דִי פַּרְשָׁה פוּן אָנְהֵייבּ וָואךְ, זוּנְטָאג בִּיז שֵׁנִי, מָאנְטָאג בִּיז שְׁלִישִׁי, דִינְסְטָאג בִּיז רְבִיעִי אוּן אַזוֹי וַוייטֶער, אַז מֶען גֵייט אוֹיף דֶעם וֶועג דֶעמָאלְט קֶען מֶען זַיין זִיכֶער אַז מֶען וֶועט עֶנְדִיגְן יֶעדֶע וָואךְ דִי פַּרְשָׁה.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּם עִנְיָן פוּן 'הֲפָצָה', אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעזָאגְט: "גֵיי הֲפָצָה, פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'נְס שְׁטוּבּ, מֶענְטְשְׁן וָואס וֵוייסְן נִישְׁט פוּן רֶבִּי'ן קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה גֶעבְּן אִין לֶעבְּן".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט גֶעגֶעבְּן אַ בֵּיישְׁפִּיל וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז; מֶענְטְשְׁן וֶוערְן פַארְלוֹירְן וֶוען עֶס קוּמְט דִי הֵיילִיגֶע טֶעג וַוייל מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס מֶען דַארְף טוּן, מֶען מֵיינְט מֶען דַארְף טוּן גְרוֹיסֶע עֲבוֹדוֹת; מֶען דַארְף פַאסְטְן, מֶען דַארְף זִיךְ אָפְּשֵׁיידְן פוּן דִי וֶועלְט אוּן וֶוען מֶען דֶערְזֶעט זִיךְ אַז מֶען טוּט גָארְנִישְׁט וֶוערְט מֶען זֵייעֶר צֶעבְּרָאכְן. אָבֶּער מִיט'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס אִיז זֵייעֶר גְרִינְג אָנְצוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

בַּיי מֶענְטְשְׁן אִיז דִי גַאנְצֶע הֵיילִיגֶע טֶעג אֵיין שְׁטִיק אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט, מֶען טְרַאכְט 'הַלְוַואי קֶען אִיךְ אַוֶועק

מִישְׁן דֶעם לוּחַ פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל אוּן תִּשְׁרֵי, עֶס זָאל שׁוֹין וֶוערְן דִי רוֹאִיגֶע ווִינְטֶער טֶעג, אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין כֹּחַ צוּ דִי דְרוּק פוּן דִי הֵיילִיגֶע טֶעג', זָאגְט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א: עֶס אִיז פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, דִי הֵיילִיגֶע טֶעג זֶענֶען נִישְׁט קַיין שְׁרֶעקֶעדִיגֶע טֶעג, עֶס זֶענֶען טֶעג פוּן לִיבְּשַׁאפְט, עֶס אִיז אַ צַייט וָואס יֶעדֶער אֵיינֶער קֶען צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט נָאכְגֶעזָאגְט אַ מָשָׁל פוּנֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (לִיקוּטֵי תּוֹרָה פַּרְשַׁת רְאֵה לב, ב), צוּ אַ גְרוֹיסֶער קֶענִיג וָואס זִיצְט אִין אַ מֶעכְטִיגֶע פַּאלַאץ, דֶעמָאלְט קֶענֶען נִישְׁט פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן צוּקוּמֶען צוּ אִים, אָבֶּער וֶוען דֶער קֶענִיג אִיז אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט קֶענֶען אַלֶע צוּקוּמֶען צוּם קֶענִיג, דֶעמָאלְט שְׁמֵייכְלְט דֶער קֶענִיג צוּ יֶעדְן אֵיינֶעם. זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל הַתַּנְיָא - חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַזוֹי ווִי אַ קֶענִיג אִין פֶעלְד, דֶעמָאלְט אִיז אַ צַייט וֶוען יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאקוּמְט אַ שְׁמֵייכֵל פוּנֶעם קֶענִיג, אָן קַיין אוּנְטֶערְשִׁיד וֶוער מֶען אִיז.

הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיסְגֶעפִירְט: אִין 'חַבַּ"ד' קָאכְט מֶען זִיךְ אוּם חוֹדֶשׁ אֱלוּל מִיט דֶעם שְׁטִיקְל פוּנֶעם בַּעַל הַתַּנְיָא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ 'חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִין פֶעלְד, יֶעדֶער קֶען צוּקוּמֶען צוּ אִים', אוּן אִין 'בְּרֶסְלֶב' לֶערְנְט דֶער רֶבִּי אוֹיס, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז שְׁטֶענְדִיג אִין פֶעלְד, אַ גַאנְצֶע יָאר קֶען מֶען רֶעדְן צוּ אִים; גֵיי אִין פֶעלְד אוּן עֶפְן דַיין מוֹיל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שְׁמוּעֶס זִיךְ אוֹיס דַיין הַארְץ מִיט אִים, דֶערְצֵייל אִים אַלֶעס וָואס גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף דִיר; בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף מִיר, זַיי מִיר מְקָרֵב צוּ דִיר".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט: מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פַארְשְׁטֶעלְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען מֶענְטְשְׁן וָואלְטְן גֶעווּאוּסְט דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער וָואלְט יֶעדֶער גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

אִין דִי וֶועלְט אִיז אָנְגֶענוּמֶען אַז רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז נָאר גֶעמַאכְט פַאר צַדִּיקִים, דָאס אִיז נִישְׁט גֶעמַאכְט פַאר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן ווִי אוּנְז, מֶען דֶערְצֵיילְט אַלְץ מַעֲשִׂיּוֹת פוּן פְרִיעֶרְדִיגֶע צַדִּיקִים ווִי מֶען הָאט זִיךְ אוּנְטֶער גֶעהֶערְט בַּיי זֵיי אוּן מֶען הָאט גֶעהֶערְט ווִי זֵיי בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ דַארְף דָאס וְכוּ'"; אָבֶּער דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לֶערְנְט דָאס אוֹיס פַאר אוּנְז פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן, מִיר קֶענֶען אוֹיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נִישְׁט קַיין חִילוּק ווִי אַזוֹי אִיךְ קוּק אוֹיס, אַזוֹי ווִי אִיךְ שְׁטֵיי אוּן גֵיי קֶען אִיךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

וּבִפְרַט דִי וָואס וואוֹינֶען דָא אִין שְׁטֶעטְל דַארְפְן גֵיין אַ לַאנְגֶע וֶועג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, וָואס רֶעדְסְטוּ אוֹיפְ'ן וֶועג? פוּן דֶעם הוֹיז אוּן דֶעם הוֹיז...? צוּלִיבּ דֶעם הָאבּ אִיךְ גֶעבּוֹיט דֶעם שְׁטֶעטְל אַז מֶען זָאל בּוֹיעֶן טֵייעֶרֶע הַייזֶער אוּן אַרַיין לֵייגְן דֶעם גַאנְצְן קָאפּ אוּן מֹחַ אִין דִי הַייזֶער?! אִיךְ הָאבּ גֶעבּוֹיט דֶעם שְׁטֶעטְל אַז מֶען זָאל קֶענֶען לֶעבְּן מִיט אַ רוּאִיגְקֵייט אָן קַיין חוֹבוֹת אוּן לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּי'נְס עֵצוֹת!

מֶען וֶוערְט פַארְ'נַאר'ט פוּנֶעם יֵצֶר הָרָע, מֶען טְרַאכְט 'אִיךְ ווִיל נָאר פַארְעֶכְטְן דָאס אוּן יֶענְץ' בִּיז עֶס גֵייט אַדוּרְךְ דִי זִיבֶּעצִיג יָאר מִיט גָארְנִישְׁט. מֶען דַארְף מְחַנֵּךְ זַיין דִי קִינְדֶער אַז נִישְׁט טֵייעֶרֶע הַייזֶער מַאכְט צוּפְרִידְן אַ מֶענְטְשׁ, דִי קִינְדֶער זָאלְן אוֹיפְוַואקְסְן מִיט לֵצָנוּת אוֹיף אוֹיסְגֶעבְּן גֶעלְט פַאר נַארִישְׁקֵייטְן.

גֵייעֶנְדִיג צוּם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּן פוּנֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט אַ חָבֵר קֶען מֶען זִיךְ אִינְאֵיינֶעם מְחַזֵּק זַיין מִיט דִי עֵצוֹת וָואס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוֹיבּ גֵייט מֶען אַלֵיין, קֶען מֶען זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אוֹיבּ גֵייט מֶען מִיט דִי קִינְדֶער קֶען מֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיפְ'ן קוֹל, דַיינֶע קִינְדֶער מֶעגְן הֶערְן ווִי דוּ רֶעדְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אָדֶער שְׁמוּעֶס אַבִּיסְל מִיט דַיינֶע קִינְדֶער; אַ גַאנְצֶע וָואךְ הָאסְטוּ קוֹים צַייט צוּ זֶען דַיינֶע קִינְדֶער, דוּ אַרְבֶּעטְס שְׁוֶוער פַאר פַּרְנָסָה, אָבֶּער אֵיין טָאג אִין וָואךְ, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, שְׁמוּעֶס מִיט זֵיי, שַׁבָּת אִיז דִי צַייט צוּ פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיךְ הָאבּ מוֹרָא אַז אִיךְ הָאבּ נָאךְ אַלְץ נִישְׁט יוֹצֵא גֶעוֶוען צוּ רֶעדְן גֶענוּג פוּן דֶעם; אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן מִיט רַחְמָנוּת פוּן טִיפְן הַארְץ: "אִיךְ בֶּעט עֶנְק זֵייעֶר, נֶעמְט נִישְׁט אַרַיין דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ, דַיין שְׁטוּבּ זָאל זַיין זוֹיבֶּער".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א זָאגְט וַוייטֶער: "אִיךְ זֶע אִינְגֶעלַייט וָואס ווִילְן טַאקֶע פָאלְגְן דֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה, עֶר ווִיל נִישְׁט אַרַיין בְּרֶענְגֶען דֶעם טֶעלֶעפָאוֹן אִין שְׁטוּבּ דֶערְפַאר זִיצְט עֶר אִין זַיין קַאר בִּיז שְׁפֶּעט בַּיינַאכְט אוּן גֵייט נִישְׁט אַהֵיים, וָואס הָאסְטוּ אוֹיפְגֶעטוֹן מִיט דֶעם? גֵיי אַהֵיים צוּ דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פְּרֶעגְט: וָואס זֶענֶען דַיינֶע אַרְבֶּעטְס שָׁעוֹת? פוּן נַיין אַזֵייגֶער בִּיז פִינֶעף אַזֵייגֶער, אָדֶער בִּיז זֶעקְס אַזֵייגֶער; נָאךְ דִי שָׁעוֹת אַרְבֶּעט נִישְׁט, גֵיי אַהֵיים. לֶערְן זִיךְ לְהַבְדִּיל פוּן דִי גוֹיִם וָואס וואוֹינֶען דָא אִין אָפְּסְטֶעיט, אַ גַאנְצֶע וָואךְ אַרְבֶּעט עֶר אָבֶּער זוּנְטָאג אַרְבֶּעט עֶר נִישְׁט, ווִיפִיל גֶעלְט דוּ וֶועסְט אִים גֶעבְּן וֶועט עֶר נִישְׁט מַסְכִּים זַיין צוּ אַרְבֶּעטְן אוּם זוּנְטָאג (דִי גְלוֹיבִּיגֶע גוֹיִם), דָאס אִיז זַיין טָאג וָואס עֶר פַארְבְּרֶענְגְט מִיט זַיין מִשְׁפָּחָה, דִי זֶעלְבֶּע טוּ דוּ אוֹיךְ, נָאךְ דַיינֶע אַרְבֶּעטְס שָׁעוֹת בְּלַייבּ אִינְדֶערְהֵיים מִיט דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ אַלֶעס גוּטְס.

(סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה ג' מְחִגֵר - חֵלֶק ו'
פָארְגֶעלֶערְנְט שַׁבָּת קֹדֶשׁ פַּרְשַׁת עֵקֶב תשׁ"פ לפ"ק)